בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ו**

408

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?..................ב

מֶעג מֶען זִיךְ צוּפִּיצְן דִי בָּארְד?..................ד

מֶעג מֶען אוֹיפְקְנִיפְּן דִי בָּארְד?..................ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְע וָואךְ..................א

אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה..................ב

דִי מַאנְשַׁאפְט אוֹיפְן פְלִיגֶער זָאלְן זַיין נָאר מֶענֶער..................ב

פַארְדִינְגֶען בֶּעטְן נָאר פַאר וֶוער עֶס רֵייכֶערְט נִישְׁט יוֹם טוֹב..................ג

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט וִוינְטְשְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן..................ד

מֶער נִישְׁט רֵייכֶערְן אוּם יוֹם טוֹב..................ד

טוּן פַאר דִי חֶדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא, אִיז וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה..................ה

קוּמֶענְדִיגֶע יָאר ווִיל אִיךְ פָארְן דִינְסְטָאג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה..................ו

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר, עוֹסֵק זַיין וָואס מֶער אִין הֲפָצָה..................ז

מְתַקֵן זַיין דֶעם נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה מִכָּל סוּג וּפְגָם..................ז

נִישְׁט דַאוֶונֶען אִין שְׁטוּבּ, אָפִּיס, אָדֶער קַאר..................ח

אָפְּלָאזְן דִי עֶלֶעקְטֶערִיק צוּגַארֶעטְל..................ט

מַזָל טוֹב פַארְן מְסַיֵים זַיין גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת..................י

מַזָל טוֹב פַארְ'ן עֶנְדִיגְן גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת..................י

גֶעבְּלִיבְּן פְרֵיילִיךְ..................יא

אִין אֵיין מִינוּט קֶען מֶען טְרַאסְקֶען זֵייעֶר טִיף.................................יג

אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מְ'רֶעדְט, נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.................................יד

בַּאצָאלְן דִי אַרְבֶּעטֶערְס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען עֲשִׁירוּת................................. טו

אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דִי וַוייבּ................................. טז

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?................................. טז

זִיכֶער גֶעבְּן אַ כִּתָּה אִינֶעם נֵייעֶם תַּלְמוּד תּוֹרָה.................................יח

אִינְגֶעלַייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת שְׁפִּילְן דִי מוּזִיק................................. יט

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ................................. יט

פוּן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע קְהִלָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן.................................כא

וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֵיין צוּ דִי חוּפָּה.................................כא

דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב.................................כב

אַנְשְׁטָאט פְרֶעגְן פוּן עֶי אַיי, פְרֶעגְט עֶרְלִיכֶע אִידְן.................................כד

פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז.................................כד

אַ שָׁאד צוּ פַּאטְשְׁקֶען גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה.................................כה

אַ וַוייבּ מֶעג זָאגְן.................................כו

קוֹיף נֵייעֶ סְפָרִים פַאר דַיינֶע קִינְדֶער .................................כז

וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דִי הַאנְט? .................................כח

שְׁרֵייעֶן פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט .................................לא

טוּ אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם .................................לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעהָאפְּט אוּן גֶעדַאוֶועוְנְט אוּן גֶעוֵויינְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווֹאוּיל אִיז דִיר אַז דָאס אִיז דַיין גַאנְצֶע צַעַר, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אַנְדֶערֶע הָאבְּן צַעַר פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, אַנְדֶערֶע הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין ווִילְן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן; פוּן דֶעם אַלֵיין דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַז דוּ הָאסְט וֵוייטָאג פוּן דֶעם אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען דִי יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיט דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן סו), דֶער עִיקָר אִיז דִי ווִילְן; ווִי מֶער מֶען גְלִיסְט אוּן מֶען ווִיל טוּן גוּטְס - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם,

און דו קֶענְסְט זַיין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכְנְט דִיר דַיין ווִילְן, דַיין בֶּענְקְשַׁאפְט, דַיין גְלִיסְטֶענִישׁ - כְּאִילוּ דו הָאסְט דָאס גֶעטוּן, און חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט און זַיין דֶערְבִּיטֶערְט.

הֵייבּ שׁוֹין אָן מִיט תְּפִילוֹת און גֶעבֶּעט פַּאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, דו זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דו זָאלְסְט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס; בִּיז אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דו הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד און מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר און נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט און פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, און בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַּאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען און שְׁפִּירְן ווִי דו בִּיסְט אַלֶעס און עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דו אַלֵיינְס, און זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## מֶעג מֶען זִיךְ צוּפִּיצְן דִי בָּארְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ קוּרְצֶער מַאכְן דִי בָּארְד.

פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז דִי בָּארְד אִיז דִי צִינוֹרוֹת פוּן פַּרְנָסָה, דָאס בְּרֶענְגְט

דִי פַּרְנָסָה, רִירְט עֶר נִישְׁט אָן בִּכְלַל דִי בָּארְד, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז בַּיי אֵיין זַייט אִיז עֶס לֶענְגֶער, מֶער עֶר עֶס אַבִּיסֶעלֶע צוּפִּיצְן? אָדֶער הֵייסְט דָאס שֶׁערְן דִי בָּארְד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**בֶּעטְס נִישְׁט פוּן אַייעֶר מַאן עֶר זָאל זִיךְ צוּפִּיצְן דִי בָּארְד, דִי בָּארְד אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע דוֹרוֹת, יֶעדֶע אֵיינְצֶעלְנֶע הָאר פוּנֶעם בָּארְד אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ הֵיילִיג.**

**דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, דִי בָּארְד אִיז דִי צִינוֹרוֹת, יֶעדֶע אֵיינְצֶעלְנֶע הָאר פוּנֶעם בָּארְד אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס טַייעֶרְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם.**

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

...

## מֶעג מֶען אוֹיפְקְנִיפְּן דִי בָּארְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַסַאךְ מָאל וֶוערְט דִי בָּארְד פַארְקְנִיפְּט, מֶעג מֶען פְּרוּבִּירְן עֶס צוּ עֶפֶענֶען? אִיךְ הָאבּ אַמָאל מוֹרָא עֶס צוּ טוּן, ווַייל רוֹב מָאל קֶען עֶס אַרוֹיסְרַייסְן הָאר פוּן דִי בָּארְד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יָא, מֶען מֶעג אוֹיפְקְנִיפְּן דִי בָּארְד, מֶען מֶעג זִיךְ אוֹיסְקֶעמֶען דִי בָּארְד; אַדְרַבָּה, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועןמֶען זָאל זַיין מְסוּדָר, גֵיין צַאמְגֶענוּמֶען דִי פֵּיאוֹת מִיט דִי בָּארְד. מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי׳ן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ הָאט עֶר זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען דִי פֵּיאוֹת וְכוּ׳.

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, יֶעדֶע הָאר אִינֶעם בָּארְד אִיז מֶער וֶוערְד פוּן כָּל הוֹן דְעַלְמָא, אַזוֹיפִיל הֵיילִיגְקֵייט לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם בָּארְד, אוּן דֶערְפַאר פַּארְלֵייגְן זִיךְ דִי קְלִיפּוֹת מִיט דִי סִטְרָא אַחֲרָא מֶען זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד, מִיט דִי בָּארְד אִין פֵּיאוֹת אַלֵיינְס קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר ווִינְטְשְׁן לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַּאר דִיר, פַּאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע יָאר מִיט אַלֶעס גוּטְס.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זַיי זִיךְ מְקַבֵּל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, טֵייל אַיין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, (קֶענְסְט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת), זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר זָאג דִי וֶוערְטֶער, וַוייל דוּרְךְ תּוֹרָה וֶוערְט לִיכְטִיג אִין אַלֶע בְּחִינוֹת, דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט לִיכְטִיג, דִי פַּרְנָסָה וֶוערְט בְּרֵייט, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, אַלֶעס וֶוערְט גוּט.

...

## אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּמֶשֶׁךְ דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן זֶענֶען אַרִיבֶּער הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זִיךְ ווינְטְשְׁן, דָאךְ גֶעדֶענְק אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַרִיבֶּער, נִישְׁט בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, נִישְׁט בַּיי לְשָׁנָה טוֹבָה אוּן נִישְׁט בְּמֶשֶׁךְ יוֹם טוֹב, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר גֶעוָואלְט ווינְטְשְׁן.

אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזְן פַאר דִיר, פוּן אָפִּיס הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן דַיין נָאמֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד צָאלְן מְלַמְדִים, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל דִי דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב. גֵיין אִין שׁוּל, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִין אָפִּיס, אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳, אַוַודַאי זָאלְסְטוּ לְכַתְּחִילָה דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶּער אוֹיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז שְׁפֶּעט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ גֵיין אִין אַ שׁוּל דַאוֶוענֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע מִיט הַצְלָחָה.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה, אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דָאס בְּלַייבְּט, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

...

## דִי מַאנְשַׁאפְט אוֹיפְן פְלִיגֶער זָאלְן זַיין נָאר מֶענֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן אַ טְשַׁארְטֶער צוּ פָארְן קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן בְּרֶענְגֶען אַ פְלִיגֶער אָן קֵיין סְקְרִינְס. דִי וֶועג אִיז גֶעוֶועזְן אַזוֹי רוּאִיג, סַיי פַאר זִיךְ אַלֵיין, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן קוּקְן אוּן סַיי פַאר אוּנְזֶערֶע רֵיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ מִין רוּאִיגְקֵייט אַז מֶען וֵוייסְט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אוּן קֶענֶען

גָארְנִישְׁט קוּקְן.

אֵיין זַאךְ אִיז אַ שָׁאד, אַז דִי מַאנְשַׁאפְט זֶענֶען גֶעוֶוען גוֹיוֹת; וֶוען מֶען דִינְגְט אַ פְּלִיגֶער קֶען מֶען בֶּעטְן וָואס מֶען וִויל, מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט בֶּעטְן אַז דִי מַאנְשַׁאפְט זָאלְן זַיין נָאר מֶענֶער. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר אַז אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אוּן אוֹיף וַוייטֶער, וֶוען דוּ וֶועסְט מַאכְן אַ טְשַׁארְטֶער פַאר אוּנְזֶער חַבּוּרָה - זָאל דָאס זַיין מִיט אַ פְּלִיגֶער אָן קֵיין סְקְרִינְס אוּן דִי מַאנְשַׁאפְט זָאלְן זַיין מֶענֶער.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק בַּאנַייעֶן מִיט לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט אוּן זוֹיבֶּערְט עֶס.

...

**פַארְדִינְגֶען בֶּעטְן נָאר פַאר וֶוער עֶס רֵייכֶערְט נִישְׁט יוֹם טוֹב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן הֶעלְפְן צַאמֶענְעמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וֵוילְן אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן גֶעלְט פַאר דִינְגֶען בֶּעטְן.

אֵיין זַאךְ וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, אַז נָאכְן אוֹיסְרוּפְן אַזוֹיפִיל מָאל אַז רֵייכֶערְן יוֹם טוֹב אִיז חִלּוּל יוֹם טוֹב הָאט מֶען וַוייטֶער גֶערֵייכֶערְט. וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוען דוּ וֶועסְט פַארְדִינְגֶען בֶּעטְן בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְדִינְגֶען פַאר וֶוער עֶס רֵייכֶערְט, מֶען קֶען נָאר דִינְגֶען בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן מִיט דִי תְּנַאי אַז מֶען רֵייכֶערְט נִישְׁט יוֹם טוֹב. אִיךְ וִויל מִיט דִיר אִיבֶּערְגֵיין דִי נֶעמֶען, אִיךְ וִויל אוּנְזֶער בִּנְיָן, אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת זָאל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג; פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מִיט אוּנְז יָארְן צוּרִיק, וֶוען דִי חַבּוּרָה אִיז נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיין - אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי קַארְטְלֶעךְ צְוֵויי תְּנָאִים וָואס מֶען דַארְף הַאלְטְן אִינֶעם בִּנְיָן, נִישְׁט רֵייכֶערְן אוּן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קֵיין אַלְקָאהָאל. אִיךְ וִויל דָאס וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן, אוּן נָאר מִיט דִי צְוֵויי תְּנָאִים קֶען מֶען זַיין בַּיי אוּנְז.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה, נֶעם צַאם אַפָּאר בָּחוּרִים אוּן אַפָּאר אִינְגֶעלַייט, מֶען זָאל אוֹיסְלֵייגְן אִין אַלֶע שׁוּלְן גִּלְיוֹנוֹת מִידֵי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ, אוּן אוֹיךְ דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ - סַיי דִי חִינוּךְ גִּלְיוֹן, סַיי דִי טֶערָאפִּי גִּלְיוֹן, אוּן דִי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ גִּלְיוֹן אוּן אוֹיךְ דִי נַייעֶ גִּלְיוֹן מַיִם רַבִּים.

...

## אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט ווִינְטְשְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר גֶעוָואלְט ווִינְטְשְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן, סַיי בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אוּן סַיי רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט וֶוען מֶען ווִינְטְשְׁט זִיךְ לְשָׁנָה טוֹבָה, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעזֶען, אָבֶער ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ בִּפְרָטִיּוּת, אִיךְ הָאבּ מַזְכִּיר גֶעוֶוען עֶנְקֶערֶע נֶעמֶען עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ יְשׁוּעוֹת.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, קֶענְסְט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן בְּרֵאשִׁית אוּם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ זִיסֶע לִיכְטִיג יָאר.

...

## מֶער נִישְׁט רֵייכֶערְן אוּם יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

רֵייכֶערְן יוֹם טוֹב אִיז חִלּוּל יוֹם טוֹב. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַלֶע יָארְן בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אִין אוּמַאן אַז רֵייכֶערְן יוֹם טוֹב אִיז חִלּוּל יוֹם טוֹב, (אֵיין יָאר

הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ זַיין אֵיידֶעם הָרַב מֹשֶׁה עֶסְטְרֵייכֶער שְׁלִיטָ"א, אַ דַיָין, אִים פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי).

בִּיסְט גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר יוֹם טוֹב, הָאסְט גֶעשְׁטִינְקֶען פוּן צוּגְרֶעטְלֶעךְ, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט דִיר. יֶעצְט אַז דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ נֶעמְסְט אוֹיף דִיר אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט רֵייכֶערְן יוֹם טוֹב בִּין אִיךְ זֵייעֶר צוּפְרִידְן.

עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אַז בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן רֵייכֶערְט מֶען יוֹם טוֹב.

בַּאנַיי זִיךְ מִיט לִימוּד ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיךְ מִיטְן זָאגְן דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים'; זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי צְוֵויי שִׁיעוּרִים, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת.

...

**טוּן פַאר דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא, אִיז וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט פוּן דִי זִיצְן, דֶער אִינְגֶערְמַאן ... זָאגְט עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין עֶירְפָּארְט צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי גֶעלְט אוּן מֶען הָאט עֶס פוּן אִים אַוֶועק גֶענוּמֶען וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶער פוּן וִויפִיל מֶען מֶעג אַרִיבֶּערְפִירְן דִי גְרֶענִיץ.

בִּיטֶע פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אִים אוּן נֶעם אַ לוֹיעֶר זָאל זֶען צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, עֶס אִיז אַסַאךְ גֶעלְט, קָרוֹב צוּ דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶערֶעכְנְט אוֹיף דֶעם צוּ בַּאצָאלְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן בַּאצָאלְן.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ הֶעלְפְן בוֹיעֶן דִי קְהִילָה מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן אוֹיךְ יֶעדְן יָחִיד מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר. אִיךְ וֵוייס אַז דַיין גַאנְצֶע ווִילְן אוּן שְׁטְרֶעבְן אִיז אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן אוּן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶער גֶעדֶענְק, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ה, א):

"הָעוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִבּוּר כְּעוֹסֵק בַּתּוֹרָה", מִיטְן טוּן פַאר דִי חֶדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן נָאךְ מֶער, וַוייל דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין אֵיין שָׁעָה אִיז זֶעכְצִיג מִינוּט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען מֶער פוּן זֶעכְצִיג מִינוּט אַ שָׁעָה, מַה שֶׁאֵין כֵּן, אוֹיב דוּ שְׁטֶעלְסְט אוֹיף מוֹסְדוֹת וֶועט מֶען לֶערְנֶען אִין אֵיין שָׁעָה טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מִינוּט, וד"ל.

אַ גְּמַר פַאר דִי גוֹיִם אוּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה פַאר דִיר.

...

## קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וִויל אִיךְ פָארְן דִינְסְטָאג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן צוּשְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועגְן צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענִיגְן צוּ פָארְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְק וֶועלְן צוּשְׁטֶעלְן אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, תשפ"ז, אוֹיךְ אַ 'נְסִיעָה' צוּם רֶבִּי'ן.

קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וִויל אִיךְ פָארְן דִינְסְטָאג כ"ו אֱלוּל, סֶעפְּטֶעמְבֶּער 8 לְמִסְפָּרָם. רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן זוּנְטָאג, דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְפָארְן דִינְסְטָאג פַארְנַאכְטְס אָנְצוּקוּמֶען דָאנֶערְשְׁטָאג אִינְדֶערְפְרִי. לוֹיט וִוי אִיךְ זֶע וֶועלְן עֶנְק קֶענֶען מַאכְן צְוֵויי טְשַׁארְטֶערְס, אֵיינְס דִינְסְטָאג פַארְנַאכְטְס אוּן אֵיינְס מִיטְוָואךְ, אִיךְ וִויל פָארְן דִינְסְטָאג.

זַיי שְׁטַארְק מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דַאוֶוענֶען דַוְקָא אִין שׁוּל, נִישְׁט אִין שְׁטוּב, אִין אָפִּיס וְכַדּוֹמֶה.

...

## לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר, עוֹסֵק זַיין וָואס מֶער אִין הֲפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט אִין אוּמַאן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דִי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, וִיהִי רָצוֹן שֶׁיִּמְתְּקוּ כָּל הַדִּינִים מִמְּךָ וּמִמִּשְׁפַּחְתְּךָ עַל יְדֵי פֶּלֶא עֶלְיוֹן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען גְרִיסְן פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת, נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז דִי דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען מִיט הִתְעוֹרְרוּת, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ גָאר גוּטֶע גֶעפִיל בַּיי דִי תְּפִילוֹת.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר עוֹסֵק זַיין וָואס מֶער אִין הֲפָּצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים, סְפָרִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דִי אֱמוּנָה אוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן נָאר דֶער רֶבִּי הָאט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

...

## מְתַקֵּן זַיין דֶעם נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה מִכָּל סוּג וּפְגָם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן עֶס זָאל מְתַקֵּן זַיין דַיין נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה מִכָּל סוּג וּפְגָם.

נֶעם פַאר דִיר דִי עֲבוֹדָה פוּן מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע; מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט אַ גוּט וָוארְט, מִיט אוֹיסְהֶערְן, מִיט גֶעבְּן דֶעם גוּטְן גֶעפִיל וִוי מֶען אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין יֶענֶעם, בִּפְרַט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס דַארְפְן גָאר אַסַאךְ חִיזוּק, בִּבְחִינַת: ״כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ״ (סוּכָּה נב.).

מוֹהַרְנַ"ת אִיז דָאךְ גְעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעלֶערְנְט, דָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ הַנְהָגָה אַז וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ קְוֵייטְשׁ דָארְט וואו עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן, פַּארְמַאכְט דִי סֵפֶר אוּן יֶענֶעם אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן יֶענֶעם גֶעגֶעבְּן חִיזוּק. מוֹהַרְנַ"ת הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן רֶבִּי'ן אַז דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְצְדִינְג, מְחַיֶּה זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁטַארְקְן דַיין וַוייבּ, אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן; זִי אִיז זֵייעֶר אַ טַייעֶר קִינְד, זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן וָואס זִי דַארְף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט דַאוֶונֶען אִין שְׁטוּבּ, אָפִּיס, אָדֶער קַאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט פַאר דִיר דֶעם פִּדְיוֹן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן, וִיהִי רָצוֹן שֶׁיִּמְתְּקוּ כָּל הַדִינִים מִמְּךָ וּמֵאִשְׁתְּךָ עַל יְדֵי פֶּלֶא עֶלְיוֹן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן דִי יָאר דִי מִנְיָן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן פַארְן אַרוּם גֵייןְ צוּ דִי גֶעגְנְטֶער בְּלָאזְן שׁוֹפָר. מַיין וַוייבּ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען בְּלָאזְן שׁוֹפָר פַאר זֵיי.

נֶעם זִיךְ פָאר לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין שׁוּל, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ גֵיין אִין שׁוּל, נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אָפִּיס, אָדֶער גָאר אִין קַאר דְרֵייוֶוענְדִיג וְכוּ' וְכוּ'.

...

## אָפְּלָאזְן דִי עֶלֶעקְטֶערִיק צוּגַאַרֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזֶען רֵייכֶערְן אִין מִקְוֶה אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, נִישְׁט רִיכְטִיג, יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע אִין שׁוּל וִוי מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין רֵייכֶערְסְטוּ - דַארְף אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה, אוּן אוֹיךְ טִפְּשׁוּת. בִּיסְט מְבַזֶה דִי שׁוּל, בִּיסְט מְבַזֶה דִי טַלִית וּתְפִילִין, דָאס אַלֵיינְס דַארְף דִיךְ אוֹיפְשָׁאקְלֶען דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי עֶלֶעקְטֶערִיק צוּגַאַרֶעטְל, אַז מֶען וֶוערְט אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה רֵייכֶערְט מֶען דָאס; גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, וִוי קֶען מֶען זַיין אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת, אוֹי וֵויי גֶעוַואלְד, וִויפִיל אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז זֵיי פַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין שְׁמִירַת שַׁבָּת צוּלִיבּ דִי עֶלֶעקְטֶערִיק צוּגַאַרֶעטְל.

אִיךְ זָאג דִיר נָאךְ אֵיין מָאל, אִיךְ ווִיל דִיךְ מֶער נִישְׁט זֶען בַּיי מִיר אִין שׁוּל אוּן אִין מִקְוֶה מִיט אַ צוּגַאַרֶעטְל, אִיךְ ווִיל דִיךְ זֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט כָּבוֹד אוּן הַכְנָעָה.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י״ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ פִירְן נָארְמַאל דָא בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה. הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין מִקְוֶה וִוי דוּ וֶועיפְּסְט נָאכְן זִיךְ אוֹיסְטוּן וְכוּ׳ מִיט דַיין לֶעקְטֶערִיק צוּגַאַרֶעטְל. אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, פִיר זִיךְ אוֹיף נָארְמַאל.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, דָאס דַארְף אִיךְ אוֹיךְ זָאגְן? אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן זָאלְסְט נִישְׁט רֵייכֶערְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל, לְדַעְתִּי אִיז עֶס אַ שְׁטִיקְל חוּצְפָּה, שְׁטֵיין אוּן רֵייכֶערְן בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן שׁוּל, אַ שׁוּל וָואס טְרָאגְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי דוּ רֵייכֶערְסְט אִין שׁוּל בַּיים

דאָוועגען די לֶעקְטֶערִיק צוּגאַרֶעטְל, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבֶּעטְן נִישְׁט רֵייכֶערְן אִין שׁוּל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן יֶעצְט הַאלְט עֶס אִין מִקְוֶה; פִּיר זִיךְ אוֹיף נָארְמַאל ווִי עֶס פַּאסְט פַּאר אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## מַזָל טוֹב פַאַרְן מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, ט' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאַרְן מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת פוּן גְמָרָא, רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

וִיהִי רָצוֹן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן בְּלַייבְּן לֶערְנֶען בְּבֵית הַשֵּׁם כָּל יָמֶיךָ.

...

## מַזָל טוֹב פַאַרְ'ן עֶנְדִיגְן גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, ט' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הר"ר ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאַרְן צַאמְנֶעמֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת פוּן דִי גְמָרָא, רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין דַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.

...

## גֶעבְּלִיבְּן פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל דִיר מָאלְן אַ בִּילְד ווִי ר׳ מֶענְדְל פוּטֶערְפַּאס טַאנְצְט, אוּן נֶעבְּן דֶעם זֶעט מֶען אַ צֶעפַּאלֶענֶע סוּכָּה אוּן ווִי דִי בֵּיימֶער בֵּייגְן זִיךְ פוּן אַ ווִינְט, אִיךְ ווִיל מַאכְן לְכָבוֹד סֻכּוֹת אַ מַעֲשֶׂה׳לֶע פַאר דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, אַז אֲפִילוּ מֶען נֶעמְט זֵיי אַלֶעס אַוֶועק, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, מֶען פַּיינִיגְט זֵיי - בְּלַייבְּן זֵיי פְרֵיילִיךְ.

״אוֹי מַיין סוּכָּה אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיט דִי ווִינְט, יֶעצְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סוּכָּה, אוֹי וֵויי... מֶען הָאט מִיר אַלֶעס אַוֶועק גֶענוּמֶען, נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נִישְׁט קֵיין ד׳ מִינִים סוּכּוֹת, גָארְנִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין סוּכָּה אוֹיךְ נִישְׁט... אוֹי וֵויי...״

גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען דִי קַאמֶענִיסְטְן דִי רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ אִיד וָואס בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט פַאר זֵיי הָאבְּן זֵיי אִים פַארְשִׁיקְט קַיין סִיבִּיר, וַוייט ווַייט פוּן אִידְן, וַוייט ווַייט פוּן מִשְׁפָּחָה. אִין סִיבִּיר אִיז אַ גַאנְץ יָאר אַייז קַאלְט, דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעפַּיינִיגְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר דִי רוּסִישֶׁע צַאר, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה.

גֶעוֶוען אִיז דָארְט אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר׳ מֶענְדְל פוּטֶערְפַּאס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיךְ אִים הָאט מֶען פַארְטְרִיבְּן קַיין סִיבִּיר פַארְן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. ר׳ מֶענְדְל אִיז גֶעוֶוען דָארְט פַאר צֶענְדְלִיגֶער יָאר, אוּן ווִיפִיל מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן ר׳ מֶענְדְל טְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳וָואס וֶועט דָא זַיין? עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר, עֶס קוּמְט סוּכּוֹת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אֶתְרוֹג, קֵיין לוּלָב מִיט הֲדַסִּים אוּן עֲרָבוֹת, אָבֶער אַ סוּכָּה קֶען אִיךְ הָאבְּן; אִיךְ ווִיל זִיךְ צַאמְקְלַאפְּן אַפָּאר

בְּרֶעטֶער און לֵייגְן צְוַוייגְן מִיט בְּלֶעטֶער פַאר סְכַךְ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן עֶסְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה׳.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, ר׳ מֶענְדְל אִיז זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן טְרֶעפְן שְׁטִיקְלֶעךְ הֶעלְצֶער און עֶר קְלַאפְּט זִיךְ צוּזַאמֶען אַ סוּכָּה, עֶר וַוארְט שׁוֹין ׳וֶוען וֶועט שׁוֹין זַיין סוּכּוֹת און אִיךְ וֶועל קֶענֶען דָא אִין גָלוּת סִיבִּיר מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה׳.

״אוֹי מַיין סוּכָּה אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיט דִי ווִינְט, יֶעצְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סוּכָּה, אוֹי וֵויי... מֶען הָאט מִיר אַלֶעס אַוֶועק גֶענוּמֶען, נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נִישְׁט קֵיין ד׳ מִינִים סוּכּוֹת, גָארְנִישְׁט גָארְנִישְׁט, און יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין סוּכָּה אוֹיךְ נִישְׁט... אוֹי וֵויי...״

דֶער צַדִיק ר׳ מֶענְדְל ווִיל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן וֵויינֶען פוּן צַעַר, אָבֶּער עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ און זָאגְט ׳הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ, יוֹם טוֹב טָאר מֶען נִישְׁט וֵויינֶען און זַיין בְּצַעַר; אַז מֶען הָאט מִיר אַלֶעס אַוֶועק גֶענוּמֶען, נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר, נִישְׁט קֵיין סוּכָּה, נִישְׁט קֵיין ד׳ מִינִים - זָאל אִיךְ יֶעצְט אַוֶועק גֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה? נֵיין! אִיךְ גֵיי נִישְׁט וֵויינֶען, אִיךְ גֵיי זַיין פְּרֵיילִיךְ! אִיךְ וֶועל הָאבְּן דִי מִצְוָה פוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳; עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן ׳וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ׳.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד, און אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל, מֶען הָאט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן פְּרֵיילִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִינְגֶען און טַאנְצְן: ״טַאטֶע אִיךְ לוֹיב דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ, וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד״.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אִין אֵיין מִינוּט קֶען מֶען טְרַאסְקֶען זֵייעֶר טִיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אַ נִישְׁט כָּשֶׁרְ'עֶ סִים; הָאסְט דָאךְ אַלֵיין גֶעזֶען וָואס הָאט פַּאסִירְט וְכוּ', ווִי אִין אֵיין מִינוּט הָאסְטוּ גֶעטְרַאסְקֶעט אִין דִי טִיפְסְטֶע פְּלֶעצֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז וָואס קְלֶערְסְטֶע אֲפִילוּ פוּן הַאלְטְן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אַ נִישְׁט כָּשֶׁרְ'עֶ סִים אוּן דוּ וֶועסְט חַס וְחָלִילָה נָאכְאַמָאל קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ...

בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאסְט גֶעזָאגְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען, וֶועט דִיךְ דֶער רֶבִּי זִיכֶער מְתַקֵּן זַיין, אָבֶער מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע. אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵייִן פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דֶעם שִׂיחָה, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי

תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט נֶעבֶעךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַּךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מְ'רֶעדְט, נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט וְכוּ'.

אַייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר אֵיידֶל, עֶר אִיז אוֹיסְנַאם אֵיידְל, עֶר קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּב וואו מֶען רֶעדְט זֵייעֶר וֵוייךְ אוּן שַׁיין, יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וֵוייךְ וֶוערְט עֶר אוֹיסֶער זִיךְ, עֶס מַאכְט אִים דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶס גֵייט אִים צוּ זַיין גֶעזוּנְט.

אִיךְ קוּם נִישְׁט דָא מִיט קֵיין טַעֲנוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ קוּם נָאר דָא דֶערְצֵיילְן פַאקְטְן, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי מֶען זָאגְט אוּן וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אִים, עֶס זָאל אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## בַּאצָאלְן דִי אַרְבֶּעטֶערְס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען עֲשִׁירוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ בַּאצָאלְן אַלֶע דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אַלֶע סָאבְּ"ס וְכוּ'; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען עֲשִׁירוּת.

אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה מֶען דְרֵייט אַרוּם מִיט אַרְבֶּעטֶערְס וֶוערְט מֶען פַּארְאָרֶעמְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה כט:): "נִכְסֵי בַּעֲלֵי בָּתִּים יוֹצְאִין לְטִמְיוֹן" דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים פַארְלִירְן זֵייעֶר גֶעלְט, "עַל כָּבְשֵׁי שְׂכַר שָׂכִיר, וְעַל עוֹשְׁקֵי שְׂכַר שָׂכִיר"; עֶס אִיז צְוֵויי זַאכְן, רַשִׁ"י זָאגְט: "כָּבְשֵׁי שְׂכַר שָׂכִיר" מֵיינְט "שֶׁמַּדְחֵהוּ בְּלֵךְ וְשׁוּב", עֶר זָאגְט אִים: "קוּם מָארְגְן, קוּם צוּרִיק קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ", עֶר מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן זֵיי, אוּן "עוֹשְׁקֵי שְׂכַר שָׂכִיר" מֵיינְט "לְגַמְרֵי גּוֹזֵל שְׂכָרוֹ", עֶר טַעְנָה'ט "אִיךְ קוּם דִיר נִישְׁט קֵיין גֶעלְט וַוייל דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזוֹי נָאר אַזוֹי", אוּן עֶס זֶעט זִיךְ אוֹיס וִוי עֶר אִיז דֶער שְׁטַארְקֶער אוּן דֶער רַייכֶער, אָבֶּער בַּיים סוֹף פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט.

קֶענְסְט נִישְׁט גֶעבְּן צְדָקָה וֶוען דוּ קוּמְסְט גֶעלְט פַאר אַנְדֶערֶע, דִי עֶרְשְׁטֶע צְדָקָה אִיז בַּאצָאל יֶעדְן אֵיינֶעם בִּיזְן לֶעצְטְן פְּרוּטָה, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִוי אַ שֵׁיינֶער אִיד, נָאר זַיי אַ אִיד.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, גִיס אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דָאס זַיין שְׁוֶוער, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ, מֶען ווִיל זִיךְ נִישְׁט זֶען וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ' וְכוּ' אָבֶּער אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם וֶוערְט דָאס לֶעבְּן אַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין בַּיי אַ שִׂמְחָה, אַ פַּארְטִי וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דַיין וַוייבּ. דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ, דִי גוּטֶע קַבָּלָה גֶעפִינֶען מִיר אִין דִי גְמָרָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי חִיָיא (יְבָמוֹת סג.): "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צָיֵיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס שֵׁיין אַיינְפַּאקְן, "וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", אוּן עֶס אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אִיר. דִי גְמָרָא זָאגְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר טוּט דָאס וַוייל "שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ", זִי צִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; דָאס זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיר הָאט גֶעבֶּעטְן אַן עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, צוּ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ, אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אִיר ווִילְט אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַלְץ וֶוערְט אִיר אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דָאס קְלַאפְּט אוֹיס אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף אַייעֶר מַאן אוּן אוֹיף אַייךְ אַלֵיינְס; אִיר דַארְפְּט אַן עֵצָה.

דִי עֵצָה אִיז: דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן זוּכְן דָאס גוּטְס, אוּן טְרַאכְטְן

נָאר פוּן דֶעם, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה אַ סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, דִי סוֹד פוּן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה): "אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי ה'", אוֹיב מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, "יִרְאֶה", וֶועט מֶען זֶען, "שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵצֵר לוֹ", אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, "גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", אִיז אוֹיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט מִיטְן מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אוּן אַז מֶען קוּקְט גוּט, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אוּן אַז מֶען דַאנְקְט אוֹיף דִי חֲסָדִים וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס; בִּיז אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, הֶעלְף מִיר הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה בִּיז אִיךְ וֶועל וֶוערְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיכֶער גֶעבְּן אַ כִּתָּה אִינֶעם נֵייעֶם תַּלְמוּד תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ גֶעבְּן אַ כִּתָּה אִינֶעם נֵייעֶם שְׁטָאק וָואס מֶען בּוֹיט פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה.

וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע בִּכְלָל? וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ פַאר אַ הוֹיז - דָארְט זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ מַאכְן אַזַא סָארְט לֶעקְטֶער, אַזַא סָארְט פֶּעינְט אוּן אַזַא סָארְט זוּן שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קוֹיפְן אַ שְׁטְרַיימְל פַאר צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; דָאס זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט טוּן, אוּן דָאס עֶנְטְפֶער אִיךְ דִיר שׁוֹין, טוּ עֶס נִישְׁט, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ.

לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען אַז בַּיי דִי זַאכְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין סְפֵיקוֹת, מֶען אִיז זִיכֶער אַז מֶען דַארְף עֶס הָאבְן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען גֵייט דָא בְּלַייבְן, מִיט דִי דִירָה, אוּן מִיט דִי שְׁטָאקֶעדִיגֶע שְׁטְרַיימְל, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז אָט פִּירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה, נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בּוֹיעֶן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, יְשִׁיבָה, כּוֹלְלִים, מִקְוָאוֹת - וֶוערְט מֶען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוֹיבּ מֶען זָאל אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ זְכוּת פוּן אַ כִּתָּה, עֶס אִיז דָאךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער! דוּ וֵוייסְט פַארְוֶועם אִיךְ בִּין אַרַיין אִין דִי חוֹבוֹת, נָאר פַאר דִיר אוּן פַאר דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים וָואס דַארְפְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דַיין זוּן פַארְיָאר זִיצְן אִין אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בּוֹידֶעם, דֶער מְלַמֵּד מִיט צְוָואנְצִיג קִינְדֶער זִיצְן אִין אַ ד' עַל ד', אִיז וָואס פַּאסִירְט? דִי קִינְדֶער וֶוערְן צֶעקְוֶועטְשְׁט, הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ ווִילְדֶעוֶוען, וֶוערְט דֶער מְלַמֵּד אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אוּן עֶר שְׁרֵייט, קוּמְט אוֹיס אַז אַ גַאנְץ יָאר שְׁרֵייעֶן דִי קִינְדֶער מִיטְן מְלַמֵּד אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִינְגֶעלַייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת שְׁפִּילְן דִי מוּזִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אַלֶע טֶעג פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁפִּילְט אוּן מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי הֶערְלִיכֶע מוּזִיק, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי מוּזִיקַאנְטְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ פַאר מִיר אַ חָלוֹם אַז אִינְגֶעלַייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת שְׁפִּילְן דִי מוּזִיק. אִיךְ הָאבּ בַּאטְרַאכְט דִי מוּזִיק, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס מְלַמְּדִים אוּן כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט שְׁפִּילְן; עֶס אִיז אַזוֹי גוּט אַז דִי קִינְדֶער וָואס שְׁטֵייעֶן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אוּן קוּקְן אוֹיף דִי מוּזִיקַאנְטְן זָאלְן זֶען אַ גוּטֶע בִּילְד, נִישְׁט וִוי מְגֻלָּחִים אָן בָּארְד, אָן פֵּיאוֹת מִיט בְּלוּרִיוֹת וְכוּ' - שְׁפִּילְן.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, מַאךְ גָארְנִישְׁט בַּיינַאכְט, אַלֶעס וָואס דַארְף וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט זָאלְסְטוּ טוּן אִינְדֶערְפְרִי. רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם נָאךְ מַעֲרִיב, אוֹיסֶער מִיט דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָּל טוֹב, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד, אַ בֶּן זָכָר; מָה אָשִׁיב לַשֵּׁם, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי. שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶעם שָׁלוֹם זָכָר בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען ווינְטְשְׁן מַזָּל טוֹב. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן צוּ נַחַת בַּיי זֵיי.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה זַיין, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אוּן מוֹהֲרְנַ"ת אוּן דָאס אַזוֹי אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין

אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, מֶען לִיגְט אִין טוּמְאָה - זָאל מֶען זִיךְ פוּן דָארְט אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח), אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ - אִיז אַזוֹי, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי וַוייט גֶעפַאלְן, בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין קוּקְן דָאס עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן - זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז פוּן דָארְט קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אוּן אַז עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת: 'וָואס? אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן? אִיךְ קֶען נָאךְ זַיין אַ צַדִיק? אִיךְ הָאבּ דָאךְ יֶעצְט גֶעטוּן אַזַא עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיךְ טוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע'; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן", דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁלַב פוּנֶעם תִּיקוּן, אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ שׁוֹין יֶעצְט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, נֶעם אָן מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נִסָיוֹן אוּן אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט אוּן וואוֹיל"; זָאלְסְטוּ זַיין זִיכֶער בַּיי דִיר אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער דָאס אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, דָאס גֵייט אַרוֹיף צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ.

לֵייג אַוֶועק דַיין סוּכָּה, דִי מִדָּה פוּן זְרִיזוּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פוּן הֶעלְפְן בוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע קְהִלָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זְמַן; אִיךְ וִויל נִישְׁט אַיינְטֵיילְן וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן, אָבֶער דָאס זָאג אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין אִין שְׁטֶעטְל, דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע הֵיילִיגֶע קְהִילָה, דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן מִיט דְרֵייוְון דִי טִיטְשֶׁערְס, דִי קִינְדֶער וְכַדוֹמֶה - וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

בִּיסְט גֶעזִיצְן גֶענוּג יָארְן אִין יְשִׁיבָה בַּיי מִיר, יֶעצְט קֶענְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אוּן וִוי דוּ וֶועסְט נָאר זַיין - זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן וִוי דוּ וֶועסְט נָאר זַיין זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶער, אִים דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וִוי שְׁוֶוער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֵיין צוּ דִי חוּפָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ שִׁיק עֶנְק אַ בִּרְכַּת מַזָל טוֹב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן פִירְן עֶנְקֶער טָאכְטֶער מִיט מַזָל אוּן גְלִיק צוּ דִי חוּפָּה, עֶנְק זָאלְן זֶען נַחַת בַּיי דִי פָּארְפָאלְק.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען טָרוּד, אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זֶען דִי שְׁאֵלוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ יוֹם טוֹב, אוּן יֶעצְט קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ בֶּן זָכָר. דָאךְ וִויל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן עֶנְקֶער פְרַאגֶע, וִוי אַזוֹי

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֵיין צוּ דִי חוּפָּה, בַּיי דִי כַּלּוֹת וָואס גֵייעֶן מִיט אַ טִיכְל.

בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער חָתָן בַּאדֶעקְט דִי כַּלָּה אוּן דֶער חָתָן גֵייט אַרָאפּ צוּ דִי חוּפָּה, דֶעמָאלְט נֶעמְט דִי מַאמֶע דִי כַּלָּה אִין אַ שְׁטוּב אוּן פַארְדֶעקְט דִי הָאר, דִי כַּלָּה בְּלַייבְּט שׁוֹין פַארְדֶעקְט אִיר הָאר בִּיזְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

נָאךְ דִי חוּפָּה, נָאךְ דִי יִחוּד - קוּמְט דִי מַאמֶע אוּן טוּט אָן דִי כַּלָּה אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שֵׁיינֶע קָאפּ צוּדֶעק. אִין אַמֶערִיקֶע רוּפְט מֶען דָאס אַ "הֶעד-פִּיס", מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט פוּן דִי הָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי וָואס גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אוּן אוֹיךְ אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִיר אוּן וָואס זֶענֶען דִיךְ מְחַזֵּק, וַוייל דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט, דֶער מְנַהֵל ר' יִצְחָק גֶעבְּט מִיר יֶעדְן טָאג אַ פוּלֶע בַּארִיכְט פוּן יֶעדֶע מְלַמֵּד, פוּן יֶעדֶע לֶערֶערִין אוּן פוּן יֶעדְן קִינְד.

שְׁטַארְק דִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן בַּייקוּמֶען דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל

כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דֶעם, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט מִשְׁנַיוֹת. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (בְּאֵר הֵיטֵב הִלְכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר, סְעִיף קָטָן ו, בְּשֵׁם הָאֲרִיזַ"ל): "וְשִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת קוֹדֶם לְכָל דָּבָר", מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע לֶערְנֶען, "וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִנְשָׁמָה", מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי נְשָׁמָה.

דָאס וֵוייסְטוּ אַוַדַאי אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט דִי שְׁמוּעֶס הַנִּזְכָּר לְעֵיל, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין דִי נֶעגְל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשְׁטָאט פְרֶעגְן פוּן עֶי אַיי, פְרֶעגְט עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶע ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז אִיר זֶענְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ פְרֶעגְן אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת פוּן עֶי אַיי, גַאנְצֶע נֶעכְט זֶענְט אִיר אוֹיף זִיךְ שְׁרַייבְּן שְׁאֵלוֹת פַאר עֶי אַיי; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועג, שְׁרַייבְּט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם; פַאר דֶעם אַלֵיין אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט נָאר פְרֶעגְן אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נֶעמְט אַייךְ אַן עֶרְלִיכֶע טִיטְשֶׁער, אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי - וָואס וֶועט אַייךְ וַוייזְן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְן, וַוארְפְט אַוֶועק אַייעֶר טֶעלֶעפָאן.

גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר לֶעבְן, אַייעֶר הַארְץ, בֶּעטְס אִים פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, פַאר אַ גוּטֶע מַאן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז בִּזְכוּת וָואס אִיר וֶועט אַוֶועק וַוארְפְן אַייעֶר טֶעלֶעפָאן, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט פְרֶעגְן אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת פוּן עֶי אַיי - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי גַבָּאִים, אַכְטוּנְג

גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם, אוּן אַז אֵיינֶער הֵייבְּט אָן פָאַרלֶערְנֶען אָן דֶעם וָואס מֶען אִיז אִים מְכַבֵּד - זָאל מֶען יֶענֶעם נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן, נָאר שְׁפֶּעטֶער זָאל מֶען אִים זָאגְן אַז דִי שׁוּל פִירְט זִיךְ מִיט גַבָּאִים אוּן דִי גַבָּאִים זֶענֶען מְכַבֵּד פָארְצוּלֶערְנֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשִׁיקְן פוּן שׁוּל; אוֹיסֶער אַ מְנֻוָּל וָואס לוֹיפְט נָאךְ קִינְדֶער, נָאר דֶעמָאלְט דַארְף מֶען פַארְשִׁיקְן, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען קֶען דָאס טוּן פְּרִיוַואט, יֶענֶעם רוּפְן אִין אַ זַייט אוּן זָאגְן אַז אִין שׁוּל קֶען עֶר נִישְׁט זַיין צוּלִיבּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, וַוייל פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד אִיז נִישְׁט קֵיין פָּשׁוּטְ'עֶ מַעֲשֶׂה, עֶס קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

לָאז דֶער רֶבִּי פִירְן דֶעם שׁוּל, מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בִּבְחִינַת 'הָאָרוֹן נוֹשֵׂא אֶת נוֹשְׂאָיו', בַּיים אָרוֹן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי דֶער אָרוֹן וֶוערְט גֶעטְרָאגְן דוּרְךְ בְּנֵי קְהָת, אָבֶער דֶער אָרוֹן הָאט זֵיי גֶעטְרָאגְן; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס. אִיז חַס וְשָׁלוֹם פַארְשִׁיקְן אָדֶער וֵויי טוּן, וֶוער עֶס דַארְף רֶעדְן אוּן פָארְלֶערְנֶען וֶועט בַּיים סוֹף פָארְלֶערְנֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ קִינְד, אַ בֵּן זָכָר, מַיין וַוייבּ רוּט זִיךְ אָפּ אוּן אִיךְ דַארְף אַהֵיים גֵיין גֶעבְּן עֶסְן פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְף אִיךְ מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ שָׁאד צוּ פַּאטְשְׁקֶען גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, בְּנֵי בְּרַק**

עֶנְקֶער טַאטֶע, הָרַב ... שְׁלִיטָ"א, הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶנְק פְּלַאנֶען צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִין יַבְנְאֵל לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָה פוּן עֶנְקֶער טָאכְטֶער.

לְדַעְתִּי פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת, עֶס אִיז

אַ שָׁאד דִי גֶעלְט, נֶעמְט דִי גֶעלְט און לֵייגְט דָאס אַוֶועק פַאר דִי פָּארְפָאלְק, זֵיי הֶעלְפְן קוֹיפְן אַ דִירָה, און אַז מֶען פַארְלַאנְגְט עֶנְק זָאלְן מַאכְן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳ - זָאלְן עֶנְק עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן אַ חֲתוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וֶועט עֶס עֶנְק נָאר קָאסְטְן הַאלְבּ און דֶער מְחוּתָּן וֶועט צָאלְן דִי אַנְדֶערֶע הַאלְבּ, מַה שֶׁאֵין כֵּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת וֶועט עֶנְק אַלֵיין קָאסְטְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער.

אַ שָׁאד פַּאטְשְׁקֶען גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז אִין דִי גוּסְטֶע פוּן הָאבְן אַ שַׁבַּת הִתְאַחֲדוּת קֶענֶען זֵיי דָאס אַלֵיין מַאכְן, דָאס אִיז נִישְׁט עֶנְקֶער גֶעשֶׁעפְט.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶעריקֶע הָאבְן מִיר גֶעמַאכְט אַ נַייעֶ זַאךְ, מֶען קֶען נָאר חֲתוּנָה הָאבְן אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם אַז דִי שַׁבָּת בַּאוַוארְפְן און שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִיז אִין שְׁטוּבּ פָּשׁוּטְ׳עְרְהֵייט; עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם פְּשַׁט צוּ מַאכְן קְלֵיינֶע פָּשׁוּטְ׳עֶ חֲתוּנוֹת און מַאכְן אַ טַייעֶרֶע שַׁבָּת בַּאוַוארְפְן און שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְן עֶנְק נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פִירְן אַ קִינְד אוּנְטֶער דִי חוּפָּה און נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן פַאר זֵיי אַז דִי פָּארְפָאלְק זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן און זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִי תּוֹרָה און אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ וַוייבּ מֶעג זָאגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, און דוּ בֶּעטְסְט מִיר כְּסֵדֶר אִיךְ זָאל דִיר לֶערְנֶען דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ צַדִּיק.

אִיךְ ווִיל דִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין אַז דַיין וַוייבּ אִיז אַ גָאר גוּטֶע פְרוֹי, זִי אִיז טַייעֶר, און אַז זִי זָאגְט דִיר זַאכְן וָואס זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט טוּן - קוּמְט אִיר נָאכְנִישְׁט קֵיין ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין.

זִי אִיז נִישְׁט דַיין מַאמֶע; קֶען זַיין דַיין מַאמֶע הָאט דִיר אַסַאךְ גֶעזָאגְט, אַסַאךְ דֶערְקִיטְשְׁעט און דוּ הָאסְט אַרוֹיס גֶעקוּקְט אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט דִיר מֶער קֵיינֶער גָארְנִישְׁט זָאגְן, וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר; אַ וַוייבּ מֶעג זָאגְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זֶען דָאס גוּטְס אִין אִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין חֵן צְווִישְׁן עֶנְק, וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן פְּרִי, שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס. לֶערְן אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים פַארְטָאגְס, אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, הֲלָכָה און סִפְרֵי רַבֵּינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קוֹיף נֵייעֶ סְפָרִים פַאר דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי נַייעֶ יָאר בַּיי דִי קִינְדֶער, וִויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, קוֹיף פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַלֶע סְפָרִים וָואס זֵיי דַארְפְן פַאר דִי נַייעֶ יָאר, שִׁיק זֵיי נִישְׁט מִיט אַלְטֶע צֶערִיסֶענֶע סְפָרִים, קוֹיף זֵיי אַ נַייעֶם סִידוּר, אַ נַייעֶם חוּמָשׁ וְכוּ׳; פְרֶעג דֶעם מְלַמֵד וֶועלְכֶע אִיז דָאס בֶּעסְטֶע און קוֹיף זֵיי אַיין דָאס בֶּעסְטֶע. אִיךְ וֵוייס אַז מֶען קֶען לֵייגְן טֶעיפּ אוֹיף דִי סִידוּר; עֶרְשְׁט לָאמִיר זֶען דִי טֶעיפּ אוֹיף דַיין קַאר, בַּיי הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה נִיצְט מֶען נִישְׁט אִיבֶּער קֵיין זַאכְן, מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַ נַייעֶם טֶעלֶעפָאן יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי, אִיז דָאךְ אַוַדַאי בַּיי דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים דַארְף מֶען קוֹיפְן נַייעֶ שֵׁיינֶע סְפָרִים.

הֵייבּ אָן דִי פַּרְשָׁה, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף סוֹף וָואךְ, זֶע אַז דִי יָאר זָאל דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין קֵיין אֵיין וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן לֵיל שִׁישִׁי בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ רֶעדְן וָואךְ אַיין וָואךְ אוֹיס פוּן דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, עֶר פְלֶעגְט חַזֶר׳ן דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): ״אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה

אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״; אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה), אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה צְוֵויי מָאל חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָּה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז בֶּעטְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אָנְהֵייבּ וָואךְ טוּן דִי מִצְוָה, אֲפִילוּ דֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימּוּד [ע׳ שנז]) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען טוּט טַאקֶע יֶעדֶע וָואךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה פַּארְלַאנְגְט, וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ׳נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר״, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דִי מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

הַיינְט וֶועט זַיין אַ פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דִי הַאנְט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָה אָשִׁיב לַשֵּׁם כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר

גֶעשָׁאנְקֶען נָאךְ אַ קִינְד לְמַזָּל טוֹב, עֶס אִיז בַּיי אוּנְז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ בֵּן זָכָר; אִיךְ בִּין אַ בַּעַל שִׂמְחָה, וְויל אִיךְ דִיר וִוינְטְשְׁן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זֶען נָאר נַחַת אוּן פְרֵייד בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער.

אִיךְ וְויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט קוּקְן וָואס דוּ הָאסְט אִין דִי הַאנְט, קוּק נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, הֶער נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה? וֶוער בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען? וֶוער בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית אַז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט? - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס חַאצְקֶל זָאגְט, וָואס גְרוּנָם זָאגְט אוּן וָואס תַּנְחוּם הָאט צוּ זָאגְן'.

גְלֵייבּ מִיר, דִי שֵׂכֶל צוּ קוּקְן וָואס מֶען הָאט אִין הַאנְט הָאט מִיךְ אַלֶע יָארְן גֶעהַאלְטְן בַּיי מוֹהֲרַנַ"שׁ, אַלֶע צַייטְן וֶוען מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט אוּן גֶעלַאכְט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן 'וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַז אִיךְ וֶועל אוֹיסְהֶערְן דִי גֶעשְׁפֶּעט אוּן דָאס לַאכְן, אוּן וָואס וֶועל אִיךְ מַרְוִויחַ זַיין אַז אִיךְ וֶועל וַוייטֶער קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים?'

בַּיי גַשְׁמִיּוּת טוּט מֶען נָאר וָואס אִיז גוּט פַאר זִיךְ, מֶען מַאכְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט פַארְן שָׁכֵן, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶסְן וֶועט מֶען נִישְׁט עֶסְן וָואס דֶער חָבֵר זָאגְט אוּן וָואס מַאכְט אִים זַאט, מֶען וֶועט עֶסְן וָואס אִיז גוּט פַאר זִיךְ אַלֵיין; אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זוּכְן אַ צַדִּיק וָואס זָאל מִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען ווי דֶער רֶבִּי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְפֶערְט: "ווי קֶען מֶען אוֹיסְטְרַאכְטְן אוֹיף מִיר אַזֶעלְכֶע שְׁקָרִים וְכוּ' וְכוּ', מֶען זָאגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ גֶעהֶער צוּ כַּת... רַחֲמָנָא לִצְלָן", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז אַרוֹיס פוּן צִימֶער. רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט, וָואס זָאל אָנְגֵיין פַארְן רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער זָאגְט אוֹיף אִים?

הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט, אִיז וָואס? !" אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶאט מַחֲלֹקֶת אוֹיף זִיךְ אוּן מֶען הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגְ׳עֶנֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט; עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען פַארְן רֶבִּי׳ן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, עֶס הָאט וֵויי גֶעטוּן פַארְן רֶבִּי׳ן אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקוּרָב וֶוערְן, צוּלִיבּ דִי לָשׁוֹן הָרָע.

דָאס קֶענֶען מִיר הַיינְט אוֹיךְ זֶען, וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְצַעֵר פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט אַז זֵייעֶר זוּן אָדֶער אֵיידֶעם דְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט שַׁייכוּת מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶס וֶוערְט מַמָּשׁ אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי; דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער, מֶען צֶעקְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדְ׳ס שִׂמְחוֹת, פַארְן חֵטְא אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב...

דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי פִילֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס מֶען לָאזְט אַרוֹיס אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף דֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס, אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַה מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן בִּיז אַהֶער, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֶבִּי פַארְפִירְט מִיךְ נִישְׁט, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט מִיךְ נָאנְט צוּ דִיר, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט מִיךְ אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען, אִיךְ זָאל בֶּענְקֶען צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, אִיז מַה כָּל הָרַעַשׁ, וָואס ווִיל מֶען פוּן מִיר?"

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל טָרוּד דַארְף אִיךְ מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁרַייעֶן פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, און עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וְוִי זִיךְ צוּ פִירְן; מֶען דַארְף רֶעדְן און רֶעדְן און רֶעדְן בִּיז מֶען פּוֹעֶל׳ט.

פִיר דַיין שְׁטוּב וְוִי מוֹהֲרַ״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיט רַחֲמִים, מִיט נַחַת. אַוַדַאי זָאלְסְטוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער דֶּרֶךְ אֶרֶץ און יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער דָאס שְׁרַייעֶן פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט, דָאס מַאכְט זֵיי דֶערְשְׁרָאקְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מָארְגְן נַאכְט מַאךְ אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַ וַואךְ נַאכְט פַאר מַיין נַייעֶם גֶעבּוֹירֶענֶעם זוּן, וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## טוּ אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ נָאךְ אִין שְׁטוּב, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, טוּ אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם, לָאז נִישְׁט דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּב. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסג): ״שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים״, דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; מַאכְן קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, חָרוּב מַאכְן דִי לִיבְּשַׁאפְט, אַוֶּועק נֶעמֶען דִי שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי, ״כְּדֵי שֶׁיִּתְפְּסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה״, אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, ״כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם״, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע

פָּארְפֶּעלְקֶער, "עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם", אַוֶועק נֶעמֶען דִי לִיבְּשַׁאפְט, דִי שָׁלוֹם, "שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

בּוֹי אוֹיף דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז אַ פְּרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִיר מַאן נָאר אוֹיבּ דֶער מַאן מַאכְט אִיר פַּאר אַ כֵּלִי, עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף, עֶר דֶערְהֵייבְּט אִיר אוּן עֶר שְׁטַארְקְט אִיר, דֶעמָאלְט וֶוערְט זִי אֵיינְס מִיט אִיר מַאן. אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל, עֶר דֶערְנִידֶערְט אִיר אוּן עֶר צֶעבְּרֶעכְט אִיר בִּיז זִי וֶוערְט אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, דֶעמָאלְט וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צְוִוישְׁן זֵיי קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת, זִי וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אֵיינְס מִיט אִיר מַאן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט נִישְׁט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אִיךְ מַאךְ הַיינְט אַ וַואךְ נַאכְט פַּאר מַיין נַייעֶם גֶעבּוֹירֶענֶעם אִינְגֶל אוּן מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי אַ בְּרִית, אִיךְ וִוינְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אִיךְ עֶס נִישְׁט קֵיין טְרֵפוֹת

דִּי בַּאן פָּארְט שׁוֹין אַזוֹי אַפָּאר טֶעג, נִישְׁטָא קֵיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, נִישְׁטָא קֵיין וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען, נִישְׁטָא אֲפִילוּ אַ בֵּית הַכִּסֵּא, אִין יֶעדֶע וָואגְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן אַפָּאר מֶענְטְשְׁן, עֶנְדְלִיךְ דִּי בַּאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת צוּ דִּי עֶרְגְסְטֶע פְּלַאץ וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין דִּי וֶועלְט, קַיין א וֹ שְׁ וִו י ץ...

דָארְט אִין אוֹשְׁוִויץ הָאט מֶען פַארְבְּרֶענְט אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן, דִּי קִינְדֶער אוּן דִּי עֶלְטֶערֶע אוּן דִּי שְׁוַואכֶע הָאט מֶען גֶע׳הַרְגְ׳עֶט אוּן פַארְבְּרֶענְט, אוּן דִּי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט כֹּחַ הָאט מֶען גֶענוּמֶען אִין דִּי אַרְבֶּעטְס לַאגֶער זֵיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן פַאר דִּי מִלְחָמָה, פַאר דִּי נַאצִיס, אוּן אֵיין מָאל אַ טָאג הָאט מֶען גֶעטֵיילְט עֶסְן.

אוֹיךְ רַבָּנִים צַדִּיקִים הָאט מֶען אַהִין גֶעטְרָאגְן, צְוִוישְׁן דִּי גֶעפַּיינִיגְטֶע אִידְן אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק רֶבִּי יְקוּתִיאֵל יְהוּדָה הַאלְבֶּערְשְׁטַאם, דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אוּן וֶוען מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען טֵיילְט עֶסְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן פוּן לַיידְן אַזוֹיפִיל



אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת

טֶעג הוּנְגֶער, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען וַוייטֶער אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען טֵיילְט עֶסְן, אַלֶע זֶענֶען גֶעלָאפְן כַאפְּן עֶסְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, און פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַלֶעס הָאט מֶען מִיר צוּגֶענוּמֶען, מַיינֶע קְלֵיידֶער, מַיינֶע שִׁיךְ, אִיךְ לִיג דָא בַּיי דִי גוֹיִם אָן גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶסְן קַיין טְרֵפוֹת, און אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת"; עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֶעבֶּעטְן עֶס זָאל פַּאסִירְן אַ נֵס...

קִינְדֶער וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער וֵוייסְט? אַ נֵס הָאט פַּאסִירְט; אֵיינֶער קוּמְט צוּ לוֹיפְן און פְרֶעגְט: "אִיר זֶענְט קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב?" עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן אַז עֶר אִיז אַ רָב, וַוייל דִי דַייטְשֶׁע הָאבְּן עֶרְשְׁט גֶע'הַרְגְ'עֶט דִי רַבָּנִים, בִּיז יֶענֶער הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ בְּרוֹיט מִיט מַארְמֶעלַאדֶע און עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס דָאס גְרוֹיסֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן אַפָּאר טֶעג און זֵיי וֵוייסְן אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט הָאבְּן גָארְנִישְׁט קֵיין עֶסְן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת, זֵיי וֶועלְן נָאר עֶסְן כָּשֶׁר'ס, פוּן דֶעם לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַז מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ עֶסְן נָאר מִיט אַ הֶכְשֵׁר.

צְוֵוייטְנְס לֶערְנֶען מִיר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, אַז וָואס מֶען דַארְף קֶען מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, און אַז מֶען בֶּעט - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

# מהדורת פריעדמאן

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

מוה"ר **ברוך משולם זושא**
**פריעדמאן** הי"ו

וזוגתו **חי' שרה** תחי'

וילדיהם

**אלעזר ישעי', שלום יעקב**
**יהושע, ישראל מנחם, יוסף**
**אליהו, נחמן משה**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון